**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/15/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול מעלדט מער פון 38 מיליאן דאלאר אין סטעיט פיאנצירונג צו פארשטערקערן עמערדשעניס קאמיוניקאציעס פאר ערשטע ריספאנדערס

***סטעיט-פינאנצירטע פראגראם שטיצט עמערדשענסי קאמיוניקאציע סיסטעמען איבער די סטעיט דורך פארשטערקערן עמערדשענסי אנטווארט מעגליכקייטן***

***פינאנצירונג צו שטיצן נייע פראיעקטן, געצייג אינסטאלירונג און פארבעסערטע קאמיוניקאציע טשענעלס ביי לאקאלע שטאפלן***

גאווערנער Kathy Hochul (האקול) מעלדט מער פון 38 מיליאן דאלאר אין סטעיט פיאנצירונג איז געשאנקען געווארן צו 17 קאונטיס און ניו יארק סיטי צו פארשטערקערן עמערדשעניס קאמיוניקאציעס פאר ערשטע ריספאנדערס, מאכענדיג ניו יארקער מער פארזיכערט. די איבערן סטעיט אינטעראפעריבאר קאמיוניקאציעס גרענט ( Statewide Interoperable Communications Grant, SICG) פראגראם שטיצט לאקאלע רעגירונגען'ס באמיהונגען צו בויען און פארעכטן ראדיא טורעמס וועלכע ערלויבן זיי צו קאמיוניקירן מיט אנדערע עמערדשענסי ריספאנדערס דורכאויס קאטאסטראפעס און עמערדשענסיס. אינסטאלירן און פארוואלטן די טורמעס פארזיכערן אז ליניעס פון קאמיוניקאציע טוהן פארזעצן צו זיין שטארק צוטריטבאר אין סיטואציעס ווען זיי זענען דאס מערסטע געדארפט.

"ראטעווען א לעבן קען אראפ קומען צו איין רוף און אונזער ערשטע ריספאנדער דארפן האבן די מערסט פארלאזבארער קאמיוניקאציע סיסטעמען צו העלפן אנדערע ניו יארקער דורכאויס זייער מערסט קריטישע מאמענטן," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אינוועסטירן אין עמערדשענסי אנטווארט צו פארבעסערן ערשטע ריספאנדערס גרייטקייט איז א נושא פון לעבן און טויט - איך פארבלייב פארפליכטעט צו פריאריטיזירן פובליק זיכערהייט דורכאויס אונזער סטעיט."

די סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( State Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) וועט אדמיניסטירן די געלטער וועלכע איז פאראהאנען אינטער די קאמבינירטע 2024 און 2025 איבערן סטעיט אינטעראפעריבארע קאמיוניקאציע גרענט (SICG) געצילטע גרענט פראגראם. די ציל פון די SICG געצילטע פראגראם איז צו פארמאכן לעכער אין אינטעראפעריבארע אינפראסטרוקטור, ראאינישע קאמיוניקאציעס שוואכקייטן, פארבעסערן איבערפלוסיגקייט און שטאנהאפטיגקייט פון עקזיסטירענדע סיסטעמען און שטיצן די איינפירונג פון נאציאנאלע אינטעראפעריבארער טשענעלס. אלע ניו יארק סטעיט קאונטיס און ניו יארק סיטי זענען געווען בארעכטיגט צו זיך איינשרייבן פאר SICG-געצילטע פינאנצירונג. ענהאלטער קענען נוצן די געשאנקען פאר עמערדשענסי קאמיוניקאציע פראיעקטן, א שטייגער ווי אינסטאלירונג פון נייע געצייג, פארבעסערן קאמיוניקאציע טשענעלס אינערהאלב פובליק זיכערהייט ראדיא סיסטעמען און טרענירונג און מושטערינג שיטצע צו פראמאטירן אינטערראיאנישע עמערדשענסי קאמיוניקאציעס און ערשטע ריספאנדער גרייטקייט.

**דיווייזע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדשענסי סערוויסעס קאמיסיאנער Jackie Bray (דשעקי ברעי) האט געזאגט,** "די געשאנקען שפילן א קריטישע ראלע אין שטיצן אונזער לאקאלע ריספאנדערס דורך מאדערניזירן עקזיסטירענדע קאמיוניקאציע סיסטעמען און פראמאטירן ווייטערדיגע אינטעראפעריבארקייט צווישען אונזער קאונטיס און זייער מיטארבעטער. א דאנק, גאווערנער Hochul (האקול) פארן מאכן פובליק זיכערהייט א פריאריטעט און האדעוועון באמיהונגען צו פארשטערקערן אונזער עמערדשענסי קאמיוניקאציע סיסטעמען אין יעדער וועג מעגליך."

די SICG געצילטע גרענט פארטיילונגען וועלכע זענען היינט געמאלדן געווארן זענען ווי פאלגנד:

| קאונטי | סומע געשאנקען | פראיעקט |
|---|---|---|
| Allegany | $3,000,000 | אלעגאני קאונטי וועט פארבעסערן פארבינדונג, אריינגערעכנט הויפט קאנסאלס און סיסטעם באשטיינדלער. |
| Chautauqua | $1,900,000 | טשאוטאקאו קאונטי וועט פארבעסערן געצייג, וועלכע וועט ערלויבן פאר די פארברייטערונג פון די נאציאנאלע אינטעראפעריבארער טשענעלס. |
| Clinton | $3,000,000 | קלינטאן קאונטי וועט אנטוויקלן צוויי נייע אינטעראפעריבארער ראדיא ערטער און א סיסטעם CORE ערזעצונג צו פארברייטערן און פארבעסערן זייער פובליק זיכערהייט קאמיוניקאציעס נעטווארק. |
| Erie | $560,800 | אירי קאונטי וועט פארבעסערן זייער נאציאנאלע אינטעראפעריבארער טשענעלס, פארבעסערנדיג אינטעראפעריבארקייט מיט די ארומיגע געגענטער. |
| Herkimer | $975,000 | הערקימער קאונטי וועט פארברייטערן די נאציאנאלע אינטעראפעריבארער פריקווענסיס אין אלע בענדס, דערביי פארבעסערן איבערן קאונטי דעקונג און מעגליכקייטן. |
| Madison | $1,873,905 | מעדיסאן קאונטי וועט ערזעצן פארעלטערטע הארדווער און געצייג, אריינגערעכנט קאנסאלס. |
| Monroe | $1,609,992 | מאנרא קאונטי וועט פארברייטערן די נאציאנאלע אינטעראפעריבארער טשענעלס אויף זייער נעטווארק, דערביי פארבעסערן איבערן קאונטי דעקונג און מעגליכקייטן. |
| New York City | $3,000,000 | ניו יארק סיטי וועט פארבעסערן די NYPD P25 טראנקינג סיסטעם, פארבעסערענדיג מעגליכקייטן, דעקונג און קאנטראל ווען פארמינערן אינטערפירענץ פראבלעמען. |
| Oneida | $3,000,000 | אניידע קאונטי וועט פארבעסערן געצייג צו פארבעסערן נאציאנאלע אינטעראפעריבארער טשענעלס אינערהאלב די קאונטי. |
| Onondaga | $2,584,800 | אנאגאדא קאונטי וועט פארברייטערן די נאציאנאלע אינטעראפעריבארער טשענעלס אין אלע בענדס, דערביי פארבעסערן איבערן קאונטי דעקונג און מעגליכקייטן. |
| Putnam | $3,000,000 | פאטנאם קאונטי וועט פארבעסערן ראיאנישע אינטעראפעריבארקייט דורך צולייגן קאמיוניקאציע אינפראסטרוקטורן צו פארשטערקערן קאמיוניקאציע מיט דערנעבנדיגע קאונטיס און אגענטורן. |
| Rensselaer | $1,950,000 | רענסעלאער קאונטי וועט פארבעסערן זייער נאציאנאלע אינטעראפעריבארער טשענעלס, פארבעסערנדיג אינטעראפעריבארקייט מיט די ארומיגע קאונטיס. |
| Schoharie | $3,000,000 | שאהארי קאונטי וועט שפאן א מיטגעטיילטע ראדיא קאר מיט |

| | | |
|---|---|---|
| | | דערנעבענדיג קאונטיס, אינטערפארבינדען ראדיא קאנסאלס און אויסנוצן מייקראוועיוו נעטווארקס צו פארבעסערן אינטעראפעריבארקייט. |
| Suffolk | $3,000,000 | סאפאלק קאונטי וועט פארברייטערן די נאציאנאלע אינטעראפעריבארער טשענעלס, און פארבעסערן פארעלטערטע געצייג. |
| Sullivan | $2,000,000 | סאליוועו קאונטי וועט פארבעסערן ראדיא סיסטעם ביטשטיינדלעך, אריינגערעכנט ריפיטערס, און אנטענא סיסטעמען. |
| Ulster | $3,000,000 | אולסטער קאונטי וועט שאפן נאך לינקס וועלכע טוהן אינטערפארבינדען אינטעראפעריבארער מיטארבעטער סיסטעמען צו פארברייטערן מיטיילן נאציאנאלע אינטעראפעריבארער רעסארסעס איבער קאונטי גרעניצן. |
| Washington | $1,024,514 | וואשינגטאן קאונטי וועט פארבעסערן ראדיא סיסטעם באשטיינדלעך, אריינגערעכנט קאנסאלס, און אזוי אויך אוועקשטעלן אינטער-קאונטי פארבינדונגען. |
| Yates | $183,000 | יעיטס קאונטי וועט פארבעסערן זייער בעקאפ גענעראטאר פאר א ראדיא ארט. |

**איבער די אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**
די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס גיבט די פירערשאפט, אנפירונג און שטיצע פאר אונטערנעמונגען צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו און זיך ערהוילן פון — טעראריזם, נאטורליכע קאטאסטראפעס, דראונגען, פייערן און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט די DHSES פעיסבוק פעידזש, פאלגט נאך @NYSDHSES אויף X, אדער באזוכט dhses.ny.gov.

באקומט לעבעדיגע עמערדשענסי און וועטער אלערט טעקסט דירעקט צו אייער פאון. טעקסט אייער קאונטי אדער בארא וואו איר וואינט צו 333111 זיך איינצושרייבן יעצט. לערנט מער אויף dhses.ny.gov/emergency-alerts.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן